**מיימאנעדיס מעדיקל סענטער**

# <u>געהיימעניסקייט פון גייסטישע געזונטהייט אינפארמאציע</u>

דאטום ווען גילטיג: אפריל 14, 2003

די פריוואטקייט און געהיימעניס פון גייסטישע געזונטהייט אינפארמאציע וואס ווערט געהאלטן דורך דעם האספיטל, איז באשיצט דורך פעדעראלע און סטעיט געזעצן און רעגולאציעס. די באשיצונגען גייען העכער און ווייטער ווי די באשיצונגען וואס זענען געשילדערט אין אונזער האספיטל'ס אלגעמיינע "מעלדונג פון פריוואטקייט פראקטיצירונגען". *אומער פרייוועסי אפיסער (פריוואטקייט באאמטער) איז דזשויס עי. לעיהי, אדוואקאט, און אויב איר האט פראגן וועגן די מעלדונג אדער אויב איר ווילט מער אויספירליכע אינפארמאציע, ביטע פארשטענדיגט זיך מיט דאגלאס דזשאבלאן, ספעציעלע געהילף צום פרעזידענט און וויצע פרעזידענט פון "פעישנט רילעישאנס" אויף 718-283-7212.*

מיר רעקאמענדירן אז איר זאלט אויך נעמען די צייט צו שטודירן די האספיטל'ס אלגעמיינע "מעלדונג פון פריוואטקייט פראקטיצירונגען" פאר אינפארמאציע וויאזוי אייער געזונטהייט אינפארמאציע קען בדרך כלל גענוצט ווערן און ארויסגעגעבן ווערן דורך דעם האספיטל. די האספיטל'ס אלגעמיינע "מעלדונג פון פריוואטקייט פראקטיצירונגען" שטעלט אויך צו אינפארמאציע וויאזוי איר קענט באקומען צוטריט צו אייער געזונטהייט אינפארמאציע, אריין גערעכנט גייסטישע געזונטהייט אינפארמאציע. אויב עס איז פאראן סיי וועלכער קאנפליקט צווישן די אלגעמיינע "מעדלונג פון פריוואטקייט פראקטיצירונגען" און די מעלדונג, וועלן די באשיצונגען וואס ווערן געשילדערט אין די מעלדונג גילטיג זיין אנשטאט די באשיצונגען וואס ווערן געשילדערט אין די אלגעמיינע "מעלדונג פון פריוואטקייט פראקטיצירונגען".

## געהיימעניס פון גייסטישע געזונטהייט אינפארמאציע

בדרך כלל, קען גייסטישע געזונטהייט אינפארמאציע וועגן אייך גענוצט ווערן דורך די פערסאנעל אינערהאלב דעם האספיטל (אדער אירע ביזנעס פארבינדעטע) אין פארבינדונג מיט זייערע פונקציעס אייך צו צו-שטעלן באהאנדלונג, באקומען באצאלט פאר די באהאנדלונג און אנפירן די האספיטל'ס ביזנעס אונטערנעמונגען. בדרך כלל טאר נישט דער האספיטל אויפדעקן גייסטישע אינפארמאציע איבער אייך פאר אנדערע מענטשן אויסערן האספיטל, *אויסער אין די פאלגענדע סיטואציעס:*

- ווען דער האספיטל האט באקומען אייער שריפטליכע אויטאריזאציע;
- פאר א פערזענליכען פארטרעטער וואס איז אויטאריזירט צו מאכן העלטה קעיר באשלוסן אין אייער נאמען;
- פאר רעגירונגס אגענטורן אדער פריוואטע אינשורענס קאמפאניס, כדי צו באקומען באצאלט פאר סערוויסעס וואס מיר האבן אייך צוגעשטעלט;
- אויסצופאלגן א געריכטליכן באפעל;
- פאר באטרעפענדע מענטשן וואס זענען פעאיג צו פארמיידן אן ערענסטע און זאפארט'יגע געפאר צום געזונט אדער זיכערהייטס פון אייך אדער פון אן אנדערן מענטש;
- פאר באטרעפענדע רעגירונגס אויטאריטעטן, צו געפינען א פארלוירענעם מענטש אדער דורכצופירן א קרימינאלע אויספארשונג ווי ערלויבט אונטער פעדעראלע און סטעיט געהיימעניס געזעצן;
- פאר אנדערע גע'לייסענס'טע האספיטל עמוירדזשענסי סערוויסעס ווי ערלויבט אונטער פעדעראלע און סטעיט געהיימעניס געזעצן;
- פאר די מענטאל היידזשין לעגאלע סערוויס וואס ווערט אנגעבאטן דורך די סטעיט;
- פאר אדוואקאטן וואס פארטרעטן פאציענטן אין אן אומ-וואלונטארישע האספיטאליזאציע פראצעסן;
- פאר אויטאריזירטע רעגירונגס באאמטעפארן צוועק פון אבזערווירן אדער אפשאצן די קוואליטעט פון די באהאנדלונג וואס ווערט צוגעשטעלט דורכן האספיטל אדער איר שטאב;
- פאר קוואליפיצירטע פארשער אן אייער ספעציפישע אויטאריזאציע, ווען די פארש ווערק שטעלט מיט זיך פאר נאר א מינימאלע געפאר צו אייער פריוואטקייט;
- פאר פאלמעסער און מעדיקל עקזאמינערס, צו באשטימען די סיבה פון די פטירה; און
- אויב איר זענט אן ארעסטאנט, פאר א תפיסה אינסטיטוציע וועלכע סוירטיפיצירט אז די אינפארמאציע איז נייטיג כדי אייך צו צו-שטעלן העלטה קעיר, אדער כדי צו באשיצן דעם געזונט אדער זיכערהייטס פון אייך אדער סיי וועלכע אנדערע מענטשן אין די תפיסה אינסטיטוציע.

געוויסע סארט גייסטישע געזונטהייט אינפארמאציע באקומען מער באשיצונגען.

## וויאזוי צו באקומען קאפיס פון די מעלדונג

איר האט די רעכט צו א פאפיר קאפיע פון די מעלדונג. איר קענט פארלאנגען א פאפיר קאפי כאטש ווען, אפילו אויב איר האט שוין אמאל בעפאר צוגעשטימט צו באקומען די מעלדונג אויף אן עלעקטראנישן אופן. כדי דאס צו טאן, ביטע *רופט אונזער "פעישנט רילעישאנס דעפארטמענט" אויף 718-283-7212*. איר קענט אויך באקומען א קאפי פון די מעלדונג פון אונזער וועב-סייט אויף www.maimonidesmed.org, אדער דורך פארלאנגען א קאפי ביי אייער קומענדיגע וויזיט. מיר קענען ענדערן אונזערע פריוואטקייט פראקטיצירונגען פון צייט צו צייט. אויב מיר טוען דאס, וועלן מיר איבער-ארבייטען די מעלדונג כדי אז איר זאלט האבן אן אקוראטע קיצור פון אונזערע פראקטיצירונגען. די איבער-געארבייטע מעלדונג וועט גילטיג זיין אויף אלע פון אייער אינפארמאציע וואס ווערט געהאלטן דורך דעם פראגראם און מיר וועלן זיין מחויב דורכן געזעץ אויסצופאלגן אירע תנאים. איר וועט אויך קענען באקומען אייער אייגענע קאפי פון די איבער-געארבייטע מעלדונג דורך צוקומען צו אונזער וועב-סייט אויף www.maimonidesmed.org, רופן אונזער *"פעישנט רילעישאנס דעפארטמענט" אויף 718-283-7212*, אדער דורך פארלאנגען א קאפי ביי אייער קומענדיגן וויזיט. די גילטיגע דאטום פון די מעלדונג וועט אייביג זיין פלאצירט אין דעם אויבערשטן לינקן ווינקל אויף די ערשטע זייט.

## וויאזוי אריין צו געבן א קלאגע

אויב איר האלט אז אייערע פריוואטקייט רעכטן זענען פארלעצט געווארן, קענט איר אריין געבן א קלאגע ביי אונז אדער ביי די סעקרעטערי פון די "דעפארטמענט אוו העלטה ענד היומען סערוויסעס". כדי אריין צו געבן א קלאגע ביי אונז, ביטע *פארשטענדיגט זיך מיט די "פעישנט רילעישאנס דעפארטמענט" אויף 718-283-7212. קיינער וועט זיך נישט נוקם זיין אדער נעמען שריט קעגן אייך פארן אריין געבן א קלאגע.*